בס"ד

# שטאט באריכט

Tel: 2015408464 Email: shtuttbaricht@gmail.com

פרשת
## ואתחנן-נחמו
י' אב תשפ"ו לפ"ק
July 24, '26 למספרם
#91 אויסגאבע

ליגט אריין אין די פושקע יעדן ער"ש ויו"ט פאר ליכט צינדען
די שטערקסטע סגולה פון אבותינו ורבותינו פאר אלע ישועות והשפעות טובות
כולל שומרי החומות
718.243.2495

**הדלקת הנרות 8:04** **מוצאי שבת קודש 9:31**

פרקי אבת פרק ג'

| עלות השחר | נץ החמה | סוף זמן קר"ש | סוזק"ש בעל התניא גר"א | סוף זמן תפילה | סוז"ת בעל התניא גר"א | חצות היום ולילה | מנחה גדולה | מנחה קטנה | שקיעת החמה | רבינו תם |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 4:33 | 5:45 | 8:48 | 9:24 | 10:12 | 10:36 | 1:02 | 1:45 | 5:59 | 8:19 | 9:32 |

### וועטער באריכט

| שב"ק | זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 64°-82° | 68°-84° | 71°-84° | 71°-78° | 68°-82° | 68°-84° | 71°-86° |
| זוניג | מערסטנס זוניג | כ.מ. רעגן | רעגן | רעגן | טיילווייז פארוואלקנט | טיילווייז פארוואלקנט |

## ברכת מזל טוב

לרגל **תגלחת הנכד** אצל מו"ה **חיים יוסף שווארטץ** הי"ו
מחשובי זקני עירנו, עושה ומעשה לטובתינו בכל עת ועונה
ויה"ר שיזכה לראות רב נחת ותענוג דקדושה מכל יו"ח, במדה מרובה וגדושה, וישרה שכינה בכל מעשי ידיו, עם שפע רב ממעל




## <u>חברת מקדשי שביעי דקהל עדת גרינוויל</u>

זמנים לשב"ק פרשת ואתחנן הבעל"ט בהיכל ביהמ"ד הגדול

| <u>תהלים שב"ק</u> | <u>זמירות ס"ג</u> |
|---|---|
| בשעה **8:00** | רעוה דרעוין |

לאור הרחבת גבולתינו המנין שחרית שב"ק בשעה 11:30
יתקיים בשבוע זו בבית מדרש דחסידי ברסלב

בס"ד

קהל עדת גרינוויל

## <u>זמנים לימי הקיץ הבעל"ט</u>

**מנחה עש"ק** - 45 מינוט אחר זמן הדלקה"נ
**שחרית שב"ק** - ברכות בשעה 10:30 הודו בשעה 10:45
**פרקי אבות** - בזמן הדלקה"נ
**מנחה שב"ק** - 25 מינוט אחר זמן הדלקה"נ
הנהלת הקהלה

# לימוד פרקי אבות
ודברי הכנה לקראת זמן הקיץ

באנו בזה להודיע
כשער בת רבים
שיתקיים בכל
שבוע בימי הקיץ

קהל עדת גרינוויל

ע"י הרב הגאון **ר' יעקב שפיערער** שליט"א
**מחשובי תושבי עירנו**

**שב"ק פרשת ואתחנן הבעל"ט בשעה 8:00**
## בהיכל בית מדרשינו הגדול

# דער בוכהאלטער האט געראטע

## דער בוכהאלטער האט געראטעוועט



צו משה'ס פרייד איז נישטא קיין גרעניץ, ער דערציילט פאר זיינע פריינט איבער די גרויסע דירה וואס ער דינגט אויף די בערג, "מער וועל איך נישט צאלן די אומדערטרעגליכע סומע רענט, און אנהייבן לעבן ווי א גביר".

אלע קוקן אים אן מיט קנאה, אבער געציל דער בוכהאלטער איז נישט איינשטימיג; "משה, צו ווייסטו אויב דו וועסט פארמאגן וואוטשערס?" משה האט נישט געענטפערט, אבער געציל זעצט פאר; "איך בין א בוכהאלטער, דיין פרייד איז פריהצייטיג, פיליכט וועט דיר דאס לעבן דארט קאסטן אסאך מער, חוץ די ריזיגע סומע פאר קרן הבנין פונעם ארטיגן חדר, לאמיר אינאיינעם דורכגיין די אויסגאבן".

צוויי שטונדן זענען זיי געזעצן און גערעכנט, די ביזוויליגע נומערן האבן גערעדט פאר זיך אליין. אין משה'ס אויגן האט געגלאנצט א טרער, זיין לעבנס-טרוים איז צופאלן ווי א זייפנבלאז, מיט שרעק זאגט ער אפ דעם מאווינג טראק. "אוי וויי", האט ער געקרעכצט אויף זיין ביטערן שיקזאל, "תמיד וועל איך פארבלייבן א בלוטיגער ארימאן מיט א ליידיגן טייסטער".

אייער מעשה קען אייך הובן א פריילכע ענדע

גרינוויל
די וועלט פון וויליאמסבורג


FREIGHTERS
POWER BEYOND CARGO
For all your shipping and cargo needs!
718-489-6911

THERMIX
HEATING & COOLING
Accurate heating & cooling troubleshooting
We find the real problem so you don't replace parts you don't need
No Heat / No AC
Boilers & Furnaces
Honest Diagnostics
347-263-4212 CALL OR TEXT
We also offer emergency service
AFTER-HOURS EMERGENCY 347-644-8224

עין הרע?
א זיכערע השתדלות:
אלעס זאל נתהפך ווערן לטובה!
שפרעכן עין הרע דורך בליי, בדרך המסורה אין ירושלים.
+ תפילת ת"ח טאג טעגליך! + קונטרס עין טובה - פאר א שמירה עליונה.
רופט מרת פריעדמאן: 845.570.2905
מעלות ההצלחה פריעדמאן
בהסכמת דומ"ץ העדה החרדית

לומדים חדשים וגם ישנים
ערהאלט דעם גמרא שמחה ברורה על מס' נדה
נייע לומדים וואס שרייבן זיך איין ווערן ערהאלטן
א באנוס טשעק פון
$200
נאכן נעמען די ערשטע 3 בחינות
מסכת נדה מתחילין א' עקב
י"ב אב
כאפ זיך איצט מיט:
זכרו תורת משה
די לעצטע מסכת
א פרישע זמן התחלה

#3

# א שיינע מעשה

שלאפט איין רואיג



דֶער דַאוֶוענֶען אִינֶעם גְרִינְווִיל שׁוּל אִיז שׁוֹין פַארְעֶנְדִיגְט, וִוי כְּסֵדֶר פָּארְמִירְט זִיךְ אַן אַנְגֶענֶעמֶער שְׁמוּעֶס פוּן עֶטְלִיכֶע מִתְפַּלְלִים, אִינְגַאנְצְן בַּאגֵייסְטֶערְט הֶערְן זֵיי אוֹיס מֹשֶׁה, "דָא אִין גְרִינְווִיל, נִישְׁט בְּלוֹיז אִיז דִי רֶענְט אַזוֹי שְׁפָּאט בִּילִיג, נִישְׁט בְּלוֹיז דַארְף מֶען נִישְׁט צָאלְן קֶרֶן הַבִּנְיָן, אוּן נִישְׁט בְּלוֹיז זֶענֶען מִיר גֶעבְּלִיבְן אַזוֹי נָאעֶנְט צוּ דִי מִשְׁפָּחָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, נָאר אוֹיךְ הָאבְן מִיר דִי וַואוּטְשֶׁערְס בְּרָכָה! דִי לֶעבְּנְס קָאסְטְן זֶענֶען אַזוֹי בִּילִיג, אַזְש אִיךְ לֵייג אַוֶועק יֶעדְן חוֹדֶשׁ עֶטְלִיכֶע אֲלָפִים מִיט עֶרְפָּאלְג!"

גֶרְשׁוֹן וֵוייסְט צוּ פַּארְצֵיילְן פוּן עֶמִיצְן וָואס הָאט נִישְׁט גֶעווּוּסְט פוּן דֶעם סוֹד, נָאר הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן צוּ אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט בְּלוֹיז צוּ אַנְטְדֶעקְן אַז דָאס לֶעבְּן קָאסְט אִים דָארְט נָאךְ טֵייעֶרֶער וִוי אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג.

מֹשֶׁה הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט, "גֶעצֵיל דֶער בּוּכְהַאלְטֶער הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט, מַיין חָלוֹם פוּן אַוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט אִיז פַארְוִוירְקְלִיכְט גֶעוָוארְן דָא אִין גְרִינְוִויל, דָא לֶעבּ אִיךְ וִוי אַ גְבִיר."

קאנטאקט פאר שיינע מעשיות

GREENVILE, JERSEY CITY DEVELOPERS COALITION

► info@jcdc.co
► jcdc.co
► 201.733.5232



# שידוכים קריזיס בער פלאַקערט

טאַטעס ווילן פאַרשטייך!

מאַמעס האָבן פראַגעס!

יונגעלייט זוכן ענטפערס!

שדכנים דארפן א קלאַרקייט!



אַלעס וועט קלאָר און דייטליך געענטפערט ווערן אי"ה

לאָמיר בּרענגען טעלער

שידוכים פאַרזאַמלונג
חמשה עשר באב

דינסטאג עקב
בשעה 8:00 בערב
באולם אימפעריעל

אדרבה פרעגט!

שיקט אריין אלע אייערע פראגן ארום שידוכים און שדכנות

929.594.5551

Fax: 718.799.5861

Email office@shadchunim.org



בס"ד

# המבדיל בין קודש לחול בין ישראל לעמים

מיט געהויבענע געפילן גרייט זיך כלל ישראל צו

## שבת נחמו הבעל"ט

אידישע קינדער שטייען איצט אין העכערע זמנים, עס הויבט זיך שוין אן די הכנה צו די הייליגע טעג הבעל"ט

דארפן מיר געדענקן זיך נישט ערלויבן אין די איצטיגע טעג
קיין שום נאכגעלאזנקייט דורך

## פראווען מסיבות און פארברענגען אויף נישט קיין אויסגעהאלטענע אופנים

וואס איז אין רוח חכמים נוחה מהם א גאנץ יאר, כל שכן בעפאר די ימי הרחמים והרצון

דעריבער ווילן מיר דא אויסברענגען עטליכע פונקטן:

- סיי וועלכע סעודה, צוזאמקום, אדער פארברענג, דארף זיין אויסגעשטעלט מיט די פולקאמע הרחקה צווישן מענער און פרויען, און דערווייטערט פון סיי וועלכע שחוק וקלות ראש, והיה מחניך קדוש.
- עס איז נישט אויסגעהאלטן פארצושטעלן א פלעי פאר מענער, אפילו ווען עס קומט באגלייט מיט א מוסר-השכל, אדער פראווען דאס שפילן באל אויף א געמיינזאמע אופן, ווייל עס איז אין כלל פון ביטול תורה, און א מושב לצים (עי' שו"ע או"ח סי' ש"ז ובנו"כ).
- מ'מעג זיך צוזאמקומען זינגען שירות ותשבחות מיט אן ערנסטקייט, בפרט אום מוצאי שבת, כמנהג חסידים ואנשי מעשה, אבער פראווען א קומזיץ בלויז פאר די אייגענע הנאה, איז אין כלל פון ביטול תורה ווי אויבנדערמאנט, און אויב קומט עס באגלייט מיט מוזיק, איז עס אין גדר פונעם איסור על פי הלכה צו זינגען סתם אזוי מיט כלי שיר צוליב חורבן ביהמ"ק (עי' שו"ע או"ח סי' תק"ס ס"ג ובנו"כ).
- מ'דארף זיין געווארנט פון פראווען גרויסארטיגע טייערע קידושים, אדער גרעסערע קאסטבארע סעודות, וועלכע ברענגען אויס אידיש געלט, און זענען אין קאנטראסט צום קדש עצמך במותר לך, כל שכן ווען זיי קומען באגלייט מיט טייערע ווייגען און בראנפן'ס, וואס ברענגען צו שיכרות, וואס מ'דארף זיך אודאי שטארק דערווייטערן דערפון.
- עס איז וויכטיג צו זיין אויפמערקזאם מ'זאל אנהאלטן אן איידעלע אויפפירונג אין אלע ענינים, און נישט טון אזעלכע זאכן וואס ברענגען ארויס פראסטקייט און מגושם'דיגקייט, ווי צום ביישפיל פראווען אן עפנטליכע גריל, וועלכע קען פירן צו אומפאסנדע נאכפאלגן.

מיר זאגן יעדן מוצאי שבת, המבדיל בין קודש לחול בין ישראל לעמים, דאס מיינט מיר דארפן וויסן און ארייבברענגען אין אונזערע הייזער, צו זיין אפגעטיילט פון די גוים, פון די אמעריקאנער תאוות, און נישט נאכלאזן פון אונזער ערליכקייט און אפגעהיטנקייט פון א גאנץ יאר.

אט אזוי וועלן מיר זיך קענען גרייטן צו די ימים נוראים המשמשים ובאים עלינו לטובה, צו זוכה זיין להכתב ולהחתם בספרן של צדיקים גמורים מיט אלע גוטע ברכות צום נייעם יאר, און דערגרייכן די ריכטיגע נחמה מיט די גאולה שלימה בקרוב.

המעוררים





# חמשה עשר באב

## הגה כי אין אדם לומד רוב חכמתו כי אם בלילה (לשון הטור מהרמב"ם) ויש לאדם להתחיל ללמוד בלילה מט"ו באב ואילך ומאן דלא מוסיף יסיף.

(רמ"א יו"ד סי' רמ"ו)

האחרונים קבלו לומר משכבי עד קומי שכבי, ומקומי עד שכבי קומי, דמחג שבועות שאומרים מגילת רות שכתוב בה (ב,י"ג) שכבי עד הבוקר, עד תשעה באב שאומרים מגלת איכה שכתוב בה (ב',י"ט) קומי רוני בלילה לראש אשמורות, שכבי דאין צריך לקום קודם אור הבוקר כדי ללמוד תורה כיון דהלילות קצרים.

**אבל מתשעה באב שאומרים קומי, עד חג השבועות שאומרים שכבי, קומי חייב לקום קודם אור הבוקר בראש אשמורת ללמוד כיון דהלילות ארוכים.**

(ב"ה או"ח סי' רל"ח)